שארל לעטורנא.

די

# ענטשטעהונג און ענטוויקלונג

פֿון

# רעליגיעזע געדאנקען

ארויסגעגעבען פֿון דער גרופּע „פריייהייט“.

271

לאנדאן, אויגוסט, 1903.

HARVARD
UNIVERSITY
LIBRARY

## 1.

אלעס דאָס, וואָס מאַכט אַ ווירקונג אָדער האט אַ שטאַרקען איינפלוס אויף דעם פּרימיטיווען (אוראַלטען, פון ערשטען צושטאַנד)-מענשען, בעזאָנדערס אַלעס, וואָס עס באַוועגט זיך, שטעלט זיך פאר דעם פּרימיטיווען מענשען אַלס אַ לעבעדיגעס, אַלס עטוואָס, וואָס איז פעהיג צו פיהלען און פערלאַנגען, צו ליעבען און צו האַסען. פאַר דעם אוראַלטען מענשען איז די אויסערליכע וועלט אַ שפּיגעל, אין וועלכען עס שלאָגט זיך אָב אַן אָבשיין פון איהם אַליין מיט זיינע געפיהלען, ליידענשאַפטען, נייגונגען און פערלאַנגען. דיעזער פּרימיטיווער (ערשטער) באַגריעף פון דעם מענשען וועגען דער נאַטור, ד. ה., דער צוגעבען דער נאַטור אַ מענשענעהנליכע לעבעדיגקייט, ווערט אָנגערופען אַ נ י מ י ז מ ו ס. (דאָס נעהמט זיך פון'ם לאַטיינישען וואָרט — אַנימאַ, וואָס עס בעדייטעט ד י ז ע ע ל ע.)

דעם אַנימיזמוס באַמערקען מיר ניט נור ביי די פּרימיטיווע מענשען פון פערשיעדענע ראַסען, מיר באַמערקען דיעזע

אייגענשאַפֿט אויך ביי די העבער־ענטוויקעלטע חיות, ביי די חיות, וועלכע באַזיצען אַ גערעכטנים און אַ פֿאַנטאַזיע. אַ הונד, למשל, האָט אַ געפֿיהל פֿון מורא און פֿון רעספעקט אָדער עהרע־פֿורכט, ד. ה. פֿאָלקאָם אַ רעליגיעזען געפֿיהל, פֿאַר דעם שטעקען, מיט וועלכען מען שלאָגט איהם אָפּט.

ר א מ אָ נ ע ס דערצעהלט, אַז ער האָט אָנגעבונדען אַ מאָהל אַ ביין צו אַ לאַנגען פֿאָדים און האָט דעם ביין אַ־וואָרף געטאָהן פֿאַר זיין הונד; אַליין איז ער אָבער געזעסען אין צווייטען צימער, האַלטענדיג ביין ברעג דעם פֿאָדים, דער הונד זאָל איהם ניט זעהען. ווען דער ביין האָט זיך אָנגעהויבען אַליין צו באַוועגען דורך דעם, וואָס ראמאנעס האָט געצויגען דעם פֿאָדים, איז אויף'ן הונד אַרויפגעפֿאַלען אַ פחד, ווייל איהם האָט זיך וואַהרשיינליך געדוכט, אַז אין ביין איז דאָ לעבען, דען ער באַוועגט זיך.

ל ע ט ו ר נ אָ האָט געזעהען, ווי מען האָט אַ הונד אַוועק געשטעלט לעבען אַ דרעש־מאַשין (אַזאַ אַרט מילכעל), דער הונד האָט אונרוהיג און מיט שרעק געקוקט אויף די באַוועג־גונגען און אַס ענדע איז אויף איהם אַרויפגעפֿאַלען אַזאַ שרעק, אַז מען האָט איהם ניט געקענט איינהאַלטען, ער האָט זיך אַרויסגעריסען און איז אַנטלאָפֿען. מען קען בריינגען אַ גאַנצע מאַסע פֿאַקטען, וועלכע בעווייזען קלאָהר, אַז געוויסע טהיערע האָבען אויך די אייגענשאַפֿט פֿאָרצושטעלען זיך יע־דע זאַך, וואָס עס באַוועגט זיך אַלס עטוואָס, וואָס האָט אין זיך לעבען, טהעטיגקייט און הויפטזעכליך, אַז דאָס האָט די אַבזיכט צו טאָהן איהר, דער חיה, שלעכטעס. מיר באַמערקען אַלזאָ אויך אין מאַנכע חיות אַ נ י מ י ס ט י ש ע ניי־גונגען אָדער אייגענשאַפֿטען.

און וואָס איז אין דער ווירקליכקייט דער אונטערשיעד צווישען דעם טעות פֿון דעם אינדיער פֿון'ם שטאַם „טאופי“, וועלכער בייסט פֿאַר כעס דעם שטיין, אין וועלכען ער האָט

זיך אָפּגעשלאָגען און צווישען דעם הונד, וואָס טהוט אַ"ן אַזאַ פֿאַל אויך דאָס זעלבע, וואָס דער ווילדער אינדיער? ווי עס שיינט איז טאַקי צווישען זיי אין דיעזער הינזיכט קיין חילוק ניט, ד. ה. זיי האָבען ביידע אַנימיסטישע אייגענשאַפֿטען; אין דיעזער אייגענשאַפֿט ליגט אָבער שוין אַ רעליגיעזעס געפֿיהל.

אין די אַלע פֿעלע, וועלכע זיינען דאָ געווען אָנגעגעבען, איז דער אַנימיזמוס פֿון דעם מענשען גאַנץ דאָס זעלבע, וואָס דער אַנימיזמוס פֿון די העכער ענטוויקעלטע חיות. ווי דעם מענשען אַזוי אויך דער העכער ענטוויקעלטע חיה שטעלט זיך פֿאָר אַלס לעבעדיג און מיט אַ ווילען אַלעס דאָס, וואָס עס באַוועגט זיך אַרום איהם.

דער אור־אַלטער איינוואָהנער פֿון די קאַנאַרישע אינזלען (נאָרד־וועסט פֿון אַפֿריקאַ) האָט בעטראַכט אַלס לעבעדיג און מיט אַ רצון די שטיינער, וועלכע פֿלעגען זיך אַראָפּקייקלען פֿון הויכען באַרג און צוברעכען זיין אָרעמע הייזקע — און אין וויניג פלעצער געפֿינט איהר נאָך יעצט מענשען, וועלכע דענקען, אַז דער דונער, וואָס האָט דערשלאָגען אַ מענשען איז עטוואָס אַ לעבעדיגע זאַך, וואָס האָט אַ ווילען צו דער׳הרג׳נען? אָדער, אַז די זון, די לבנה און די שטערען, וועלכע, ווי ביי איהם קומט אויס, שפּאַצירען אַרום איבער׳ן הימעל, זיינען לעבעדיגע ברואים?

דיעזע פֿאַנטאַזיע, דיעזע פֿאָרשטעלונג איז די ערשטע שטופֿע אָדער די ערשטע פֿאָרם פֿון אַנימיזמוס און רופֿט זיך דער א ו נ י ט ע ר ע ר, (איינהייטליכע־) א נ י׳מ י ז מ ו ס אָדער פ ע ט י ש י ז מ ו ס (ג ע צ ע נ ד י נ ע ר י י).

2.

ווי מיר האָבען געזעהען אין דעם פֿריהערדיגען קאַפּיטעל, איז אין דער שטופֿע פֿון אונטערען אנימיזמוס צוזאַמענגעמישט ביי דעם מענשען דער באַגריעף פֿון לעבען מיט דעם באַגריעף פֿון באַוועגען זיך, דען ער רעכענט פֿיעלע זאַכען, וואָס באוועגען זיך, אַז זיי לעבען, ד. ה., אז זיי באַזיצען געפֿיהלען און ליידענשאַפֿטען עהנליך צו זיינע געפֿיהלען און זיינע ליידענשאַפֿטען. דעסטאָ מעהר בעטראַכט ער די לעבעדיגע חיות אַלס עהנליכע צו איהם אַליין, ד. ה. אז זיי טראַכטען און האָבען פֿערלאַנגען און אַ ווילען אַזוי ווי ער. ביסלאַכווייס אָבער, נאָך אַ לאַנגער צייט פֿון בעאָבאַכטונגען, נאָך לאַנגע ערפֿאַהרונגען, וועלכע קומען פֿאָר אין זיין לעבען גאַנץ צופֿעליגער ווייזע, הייבט ער אָן בעגרייפֿען, אַז עס קען ניט זיין, דאָס דער בוים אָדער דער טייך זאָלען באַזיצען דיזעלבע לעבעדיגקייט, אַזעלכע לעבענס אייגענשאַפֿטען, ווי ער, דער מענש האָט אין זיך.

ער זעהט, אַז עס טרעפֿט דאך, דאָס די זאַכען, וועלכע זיינען אָבוואָהל ניט גלייך צו איהם, טהוען אָפּ אַזעלכע מעשים מאַנכע מאָהל, אַזוי ווי אין זיי וואָלט זיך געפֿונען אַ געדאַנק אָדער אַ ווילען עהנליך צו זיין געדאַנק און ווילען. ווי זאָל ער זיך דאָס ערקלעהרען ? ווי זאָל ער זיך ערקלעהרען די ערשיינונג, אַז אַ שטיין רייסט זיך אָפּ פֿון הויכען באַרג, קייקעלט זיך שנעל אַראָפּ און הרג'עט מענשען ? איהם מוז שיינען, אַז כאָטש די זאַך באַוועגט זיך ניט אַזוי ווי ער, אָבער אינעווייניג מוז דאָך זיין בעהאַלטען א לעבעדיגע קראַפֿט, אַז אויסער דאָס, וואָס ער זעהט מיט זיינע אויגען איז דאָ אינעווייניג נאָך עפּעס, וואָס ער זעהט ניט, אָבער וואס עס לעבט, טראַכט און האָט אַ ווילען אַקוראַט ווי זיין ווילען.

דעם ווילדען שטעלט זיך פֿאָר, אַז אָט דאָס לעבעדיגעס, וואָס עס זיצט בעהאַלטען אין דער זאַך, מוז זיין גלייך טאַקי

צו איהם, צו דעם מענשען, דען ער זעהט דאָך, אַז די טהאַטען פֿון דער זאַך זיינען עהנליך צו זיינע אייגענע טהאַטען. אַלזאָ, ער האָט אויסער דער אויסערליכע זייט אין יעדע זאַך זיך פֿאָרגעשטעלט נאָך עטוואָס, אַ צווייטעס, וואָס זיצט בעהאַלטען אינעווייניג און דאָס האָט לעבען, ווילען, ליידענשאַפֿטען, כעס, אַקוראַט אַזוי ווי ער אַליין. אָט דאָס צווייטע געפֿינט זיך, נאָך זיין באַגריעף אין יעדער זאַך, אין שטיין, אין באַרג, אין וואָלקען, אין די שטערען, אין טייך א.ז.וו. און דאָס וואָס דער טייך פֿערפֿלייצט זיין פֿעלד, דאָס, וואָס דער דונער שלאָגט איין זיין הייזקע, דאָס איז דאָס לעבעדיגע דאָס צווייטע, וואָס געפֿינט זיך אין טייך און אין דונער, וואָס האָט א רצון אַזוי צו טאָהן און טהוט עס. און קומענדיג צו אַזאַ בעגריעף, האָט זיך דער פרימיטיווער מענש אויף אַזאַ אופן ערקלעהרט אַלע ערשיינונגען, וועלכע ער האָט ביז דאַן ניט געקענט פֿאַרשטעהן.

דיעזע שטופֿע ווערט גערופֿען דער דואַליסטישער (צווייהייטליכער) אַנימיזמוס, אָדער דואַליזמוס, דאָס הייסט די שטופֿע, ווען דער מענש האָט אין אַלעס בעטראַכט עטוואָס צווייענדיגעס: דאָס, וואָס ער זעהט און אינעווייניג נאָך איינעס, וואָס ער זעהט ניט, וואָס איהם דוכט זיך אָבער, אַז עס איז אין יעדע זאַך דאָ, לעבט, פֿיהלט און טהוט.

דיעזער דואַליזמוס איז ענג פֿערבונדען מיט דעם באַגריעף, וואָס דער אוראַלטער מענש האָט געהאַט וועגען טויט. נאַטירליכער טויט איז געווען פֿאַר'ן פרימיטיווען מענש אַ רעטעניש, וועלכע ער האָט זיך ניט געקענט ערקלעהרען. אַז מען הרג'עט אַ לעבעדיגע חיה און פֿון דעם הרג'ענען בלייבט זי ליגען טויט, דאָס האָט זיך ביי איהם געלייגט אויף'ן שכל, אַז מען שלאָגט אַ מענשען ביז ער בלייבט ליגען טויט, האָט ער פֿערשטאַנען; אָבער, אַז אַ מענש זאָל גאָר גלאַט אַזוי בלייבען ליגען טויט, ווען קיינער האָט איהם ניט גע'הרג'עט און זאָל מיט אַ מאָהל אויפֿהערען צו באַוועגען זיך, אויפֿהערען צו

לעבען, דאָס איז פֿאַר איהם אונפֿאַרשטענדליך, ווייל ער זעהט ניט פֿון וואַנען דאָס איז געקומען. נור וואָס האָט זיין חבר אָדער זיין קינד נאָך געלעבט, האָט זיך באַוועגט און מיט אַ מאָהל אויס לעבען, אויס באַוועגען זיך און ער בלייבט אַזוי טויט, ווי קומט עס? דאָס איז פֿאַר זיין קליינעם שכל ניט גלאַט, עס קען אַזוי ניט זיין, עפּעס שטעקט דאָ דעריין; ער זעהט אָבער ניט, וואָס פֿאַר אַ סוד דאָ שטעקט און איהם שטעלט זיך פֿאָר, אַז דאָס איז ניט גאָר אַזוי ווי ער זעהט—עס מוז זיין אַ קאַמפּף, אַ האַרטער קאַמפּף, אין וועלכען דער געשטאָרבענער איז באַזיעגט געוואָרען, איז דער'הרג'עט געוואָרען און איז געבליבען טויט. אַ קאַמפּף? מיט וועמען? ער זעהט ניט ווער דאָס איז דער, וואָס האָט זיי חבר גע'הרג'עט; דאָס איז מסתמא אַזאַ איינער, וועמען ער זעהט ניט; דער איינער איז אָבער דאָ, ווייל אָט זעהט ער דאָך ווי דער מענש האָט נאָר וואָס געלעבט און איז פֿאַר איהם אין די אויגען געבליבען טויט. און ביי דעם ווילדען אין מוח הייבט אָן פֿאָרצושוועבען, איהם שטעלט זיך פֿאָר, אַז עס איז דאָ דער יעניגער, וואָס האָט גע'הרג'עט זיין חבר, ער זיצט בעהאַלטען אינעווייניג,—אַ גייסט, וועלכען ער זעהט ניט, וועלכער איז אָבער געוויס דאָ.

אַזוי הייבט אָן דער פּרימיטיווער מענש אויסצוגעפֿינען, אַז אויך אין איהם, אין מענשען אַזוי ווי אין די חיות, אין יעדער זאַך פֿון דער אָרגאַנישער און ניט אָרגאַנישער וועלט, געפֿינט זיך אימיצער, אַ גייסט, וועלכען ער זעהט ניט, וועלכער געפֿינט זיך אָבער און לעבט אין יעדער איינצעלנער זאַך, זיינע חלומות זיינען געווען פֿאַר איהם דער בעסטער בעווייז, אַז אין איהם געפֿינט זיך נאָך אימיצער. שלאָפֿענדיג זעהט ער מענשען, וועלכע זיינען שוין לאַנג געשטאָרבען, וועלכע זיינען שוין לאַנג ניט דאָ לעבין איהם; ער איז עפּעס ווי אין אַן אַנדער געגענד; דאָס איז זיין גייסט, וועלכער זיצט אין איהם,

לויפט עס פון איהם אוועק ערגעץ ווייט, וואו ער (דער גייסט) פיהרט מלחמה, פאנגט פיש, חיות, עסט, טרינקט, א. ז. וו.

און ביי דעם פרימיטיווען מענשען ארבייט זיך אויס א בעגריעף, אז דער אימעצער, ד. ה. זיין גייסט, וואס זיצט אין איהם, קען זיך פון איהם פון קערפער אבטהיילען און ארומוואנדערן. דא הייבט זיך איהם אן פארצושטעלען, דאס די וועלט איז פול באזעצט און באוואהנט פון גייסטער; זיי וואנדערן ארום, צווישען זיי איז דא אי גוטע אי בייזע און דאס וואס דער מענש שטארבט, דאס איז ער דער'הרג'עט געווארען פון א בייזען גייסט.

אום דער גייסט פון דעם שטארבענדען זאל בלייבען צופריעדען, זאל ניט אוועק מיט כעס פון דער וועלט, ברייננט פאר איהם דער ווילדער קרבנות: פארשיעדענע עסען־זאכען, הויזטהיערע, שקלאפען און אויך די ווייב טאקי. דער ווילדער רעכענט, אז דער גייסט, די נשמה פון דעם געשטארבענעם, אימיגרירט עס, וואנדערט ארויס אין ווייטע געגענדען, ערגעץ־וואו אין אן אנדער פלאץ, וואו די נשמות פון די געשטארבענע פיהרען פונקט אזא ארט לעבען, ווי זיי האבען געפיהרט דא, אויף דער וועלט, ווען זיי זיינען געזעסען אין די מענשען און דערפאר דארף מען זיי געבען אויף'ן וועג אלעס נויטיגעם: וואפען, שפייז, א ווייב א. ז. וו.—

ווען מען זאל דאס אלעס דעם גייסט ניט מיט געבען, ווען מען זאל איהם איינ'רוגז'ן, טרעפט א מאהל, דאס דער גייסט קעהרט זיך אום פון וועג צוריק צו זיין אלטער וואהנונג, שוועבט ארום אין הייזקע אדער ארום דער הייזקע און טהוט אן צרות. ער איז זיך נוקם דערפאר, וואס מען האט איהם ניט צופרידען געשטעלט, דער ווילדער האט דערפאר מורא און זעהט, אז דער גייסט זאל צופרידען זיין, ער גיט איהם גענוג צידה לדרך, כדי ער זאל זיך חו"ש ניט מישב זיין און קומען צוריק זיך נוקם זיין.

די גייסטער, וועלכע דער פרימיטיווער מענש זעהט אין חלום, זיינען פֿאַר איהם דאָ איבעראַל: ער הערט זיי אין'ם שעפּטשען פֿון די בלעטער אין וואַלד, אין'ם פֿייפֿען פֿון ווינד, אין'ם רוישען פֿון טייכעל, אין'ם שטאַרקען דונער־קלאַפּ. דאָס זיינען אַלץ זיי, די גייסטער, וועלכע זיינען אויך אַזעלכע ברואים ווי ער, דער מענש. זיי האָבען האָלט זיך צו פֿייטען, האָבען האָלט צו פֿרעסען און צו נאַשען; ווען זיי זיינען אין כעס איז אַן אימה; זיי זיינען אָבער אויך אַ מאָל גוט, שטיל און טהוען קיין שלעכטס; מען קען זיך צו זיי אונטער־הנפ'ענען, קויפֿען זייער גוטסקייט, פֿאַר אַ גוטע מתנה, מען קען זיי איבערבעטען, פּונקט אַזוי ווי אין איהם אַליין; און ער געברויכט דיעזע אַלע מיטלען אום נושא חן צו זיין ביי די גייסטער.

מען דאַרף נור וויסען ווי אונטערצוקויפֿען די גייסטער, ווי זיי איבערצובעטען, ווען זיי זיינען אין כעס; יעדער גייסט האָט זיך זיין משוגעת און עס איז די הויפּט שוועריגקייט פֿאַר דעם פרימיטיווען מענשען צו טרעפֿען מיט וואָס צו געפֿעלען זיין יעדען גייסט, ווי איהם צו דיענען, מיט וואָס צו דערוועקען זיין רחמנות. ניט אַלע קענען דאָס, איינעם פֿאָלגען די גייסטער, דעם אַנדערען גראַדע ניט, צו איינעם זיינען זיי גוט, צום אַנ־דערן שלעכט — עס זיינען דאָ בריות, וועלכע ווייסען ווי נושא חן זיין ביי די גייסטער און די גייסטער פֿאָלגען דיעזע מענשען און טהוען וואָס זיי בעטען. אַזעלכע מענשען ווערען געאַכטעט, בעוואונדערט און געשעצט פֿון דעם ווילדען און ער האָט פֿאַר זיי רעספּעקט, אָבשיי. דיעזע מענשען קריגען אַ בערוף פֿאַר אַ וואַהרזאָגער, נביאים און מכשפים.

דער גלויבען אין נשמות, אַז זיי וואַנדערן אַרום, דער גלויבען אין טויטע, אַז זיי הערען, וואָס מען רעדט צו זיי, עקז־יסטירט נאָך אויך איצט אונטער די מאַסען אפילו פֿון די ציוויליזירטע פֿעלקער. יאַ, אפילו אונטער פֿיעלע זאָגענאַנטע

געבילדעטע מענשען איז נאָך דאָ דער גלויבען אין אַ נשמה, וועלכע זיצט אין גוף און איז עטוואָס אונקערפּערליכעס, אויסער־נאַטירליכעס, מעטאַפּיזישעס, וועלכע אין דער זעלבער צייט לעבט און האָט לעבענס־אייגענשאַפטען.—דיעזער גלויבען איז אַ ירושה נאָך פון דעם פּרימיטיווען צושטאַנד.

איך האָב אויבען געזאָגט, אַז דיזע שטופע דער ענטוויקלונג פון רעליגיעזען געדאַנק ווערט גערופען דער דואַליסטישער אַנימיזמוס. מען בעצייכענט איהם אָבער אויך מיט דעם נאָמען „ספּיריטואַליסטישער" אָדער „גייסטיגער אַנימיזמוס".

3.

אין דער שטופע פון'ם זאָגענאַנטען ספּיריטואַליסטישען אַנימיזמוס, וועלכע איך האָב אין פאָריגען קאַפּיטעל ערקלעהרט, געפינט דער מענש די אַנוועזענהייט פון אַ גייסט אין מענשען, אין חיות און אפילו אין זאַכען פון דער אונאָרגאַנישער וועלט; ער קען אָבער ניט אָבטהיילען אין זיין שכל דעם גייסט פון'ם קערפּער, ד. ה. ער קען זיך ניט פאָרשטעלען אַ גייסט אונאַבהענגיג פון קערפּער, אין וועלכען דער גייסט זיצט.

די ציוויליזאַציאָן מאַכט שוין אַ שריט פאָרווערטס. די עטהנישע (היידענישע, געצענדינערישע) גרופען האָבען שוין זייערע פּאָליטישע און רעליגיעזע פיהרער, אָדער אָנפיהרער; די רעליגיעזע „אָנפיהרער" טהיילען זיך אָפּ אין אַ בעזונדער קאַסטע פון פּריסטער (כהנים), וועלכע זיינען אימער געשטאַנען אויף אַ גוטער פוס מיט די פּאָליטישע פיהרער אָדער הערשער. דיזע כהנים סאָרטירען שוין די גלויבעריי פון'ם פּרימיטיווען מענשען; די פּריסטער לערנען דעם מענשען אין וואָס ער זאָל גלויבען און אין וואָס ניט; זיי טהיילען אַלץ מעהר און מעהר אָפּ די בעגריפע וועגען גייסט פון די בעגריעפע וועגען קערפּער.

וועהרענד פיהרער זיינען געווען ביי דעם ווילדען צוזאַמענ־

געמישט די בעגריעפע וועגען די איינגענשאַפטען פון גייסט און פון קערפער, ווירקען די פריסטער, אַז די נשמה זאָל ווערען בעטראַכט אַלס די איינגענשאַפטען אונאָבהענגיג פון גוף, אין וועלכען זי זיצט. די פאָלקס פאָעטען און אין אַלגעמיין די רייכע איינבילדונגס קראַפט פון פאָלק האָט דאַצו זעהר פיעל ביינעטראָגען. פון דאַנען הייבען זיך אָן די גייסטער געשיכטעס (מיטאָלאָגיע). וועגען יעדער גייסט איז דאָ אַן אַנדער לעגענדע, זיין בעזונדערע געשיכטע.

עס אַרבייטען זיך שוין אויס אין מענשענס שכל אַנדערע בעגריפע אויך וועגען דעם לעבען נאָכ׳ן טויט. מען רעכענט שוין ניט, אַז דיא גייסטער פון די געשטאָרבענע דאַרפען האָבען שפייז און נאָך דאָרטען אַנדערע זאַכען, וואָס דער ווילדער פלעגט פריהער מיטגעבען דעם טויטען אין קבר; די בעגריעפע וועגען גייסט, וועגען דער נשמה ווערען עדלער, אויסגעפיינט, ראַפינירט. די קרבנות, וועלכע מען פלעגט ברענגען צו דעם גייסט פון׳ם געשטאָרבענעם, וועלכע זיינען בעשטאַנען אין עסען־זאַכען, וואַפען, אַ ווייב א.ז.וו. ווערען שוין פערביטען אין תפילות, ווי נאָך ביי די כינעזער יעצט; אין אַ ריח נחוח פון וויראך, גראַזען, בלומען און עהנליכעס ווי ביי די אַמאָליגע עגיפטער.

די צערעמאָניען, די גאָטעס דינסטען, וועלכע ווערען יעצט געפראַוועט ביים מקבר זיין אַ טויטען; די בלומען און קראַנצען, וואָס ווערען געלייגט אויף׳ן קבר; די הזכרת נשמות, דאָס איז אַלץ אַ פערבליבענע ירושה פון יענער שטופע.

נאָך אין דער פריהערדיגער שטופע פון׳ם ספיריטישען אַנימיזמוס האָבען די מענשען געדיינקט, אַז ניט אַלע גייסטער פון די טויטע פיהרען נאָכ׳ן טוידט אַ גלייכען לעבען. זיי האָבען געגלויבט, אַז דער גייסט פון׳ם גבור, פון דעם גרויסען בעל מלחמה, וואַנדערט אויס אין פרוכטבאַרע געגענדען, אין פלעצער, וועלכע זיינען פול מיט חיות און עופות, וואָס

זיינען געשמאַק צום עסען און די אַנדערע גייסטער פֿון די פּראָסטע בשר ודם'ניקעס, פֿון די שוואַכע מענשען, פֿיהרען מסתמא אַ קלעגליכען לעבען אין געגענדען וויסטע, מאַגערע, וואו עס איז קיין זאַך ניטאָ פֿון וואָס מען זאָל קענען הנאה האָבען.

אין דער ווייטערער שטופּע, ווען אונטער די מענשען האָבען זיך אָנגעהויבען קלאָהר צו ווייזען די צייכענס פֿון מיין און דיין; ווען ביי איין טהייל פֿון די מענשען זיינען געווען די רעכטע און אויף דעם אַנדערען טהייל זיינען געווען אַרויפֿגעוואָרפֿען די פּפליכטע, ווען די איינע האָבען געמעגט און די אַנדערע האָבען געמוזט; ווען עס זיינען שוין געווען טהאַטען, וועלכע זיינען געוואָרען בעלוינט און טהאַטען פֿאַר וועלכע מען איז געוואָרען בעשטראָפֿט, האָט שוין דער מענש דיעזע בעגריפֿע איבערגעטראָגען אין גאַנצען אויך אין לעבען נאָך'ן טוידט — עס האָט זיך אויסגעאַרביט אין מענשענס פֿאַנטאַזיע אַ שכר ועונש אויך אויף יענער וועלט: די נשמות פֿון די צדיקים, פֿון די מענשען מיט אַ גוטער רעפּוטאַציע, ווערען טראַנספּאָרטירט אין גן עדן וואו זיי קריגען בעלאָהנונג פֿאַר זייערע מעשים טובים, און די נשמות פֿון די רשעים ווערען אַריינגעשטויסען אין גיהנום, וואו זיי ווערען געמאַטערט און געפּלאָטערט פֿאַר זייערע עבירות.

נאַטירליך, יעדעס פֿאָלק האָט זיך פֿאָרגעשטעלט אַ גיהנום און אַ גן עדן נאָך זיין געשמאַק און נאָך זיינע נייגונגען. די רוימער האָבען זיך איינגעבילדעט זייער עליזעאום און טאַרטאַרוס; די אידען האָבען אַריינגעפֿיהרט אַ שור הבר מיט אַ לויתן און גן עדן, און זייערע צדיקים זיצען דאָרטען און זיינען זיך מתעסק בתורה יומם ולילה; די קריסטען האָבען געמאַכט פֿון גן עדן אַ שטרענגען מאָנאַסטיר, וואו די גאָטעס פֿורכטיגע מענשען זיצען און האָבען הנאה פֿון'ם גלאָריעזען שיין פֿון דער הערליכקייט גאָטעס און פֿון זיין איינאיינציגען זוהן; די ליידענשאַפֿטליכע מאַהאָמעדאַנער

האָבען פֿערוואַנדעלט דעם גן עדן אין אַ בית הזונות א. ז. וו

דאָס איז די שטופֿע פֿון׳ם .מיפֿישען אַנימיזמוס. זי שליסט אין זיך איין די זאָגענאַנטע פּאָליטעאיסטישע רעליגיאָנען (די גלויבענס און פֿיעל געטעריי) ווי די פֿון די גריכען און רוימער ; די זאָגענאנטע מאָנאָטאָאיסטישע רעליגיאָנען (דעם גלויבען אין איין איינציגען גאָט), ווי דער אידישער און מאַהעמעדאַנישער, און די דואַליסטישע רעליגיאָן (גלויבען אין צוויי געטער), ווי דער קריסטליכער, אין דער ווירקליכקייט אָבער, זיינען אַלע דיעזע גלויבענס פּאָליטעאיסטישע (פֿיעל געטעריי), דען זיי אַלע אַנערקענען די עקזיסטענץ פֿון פֿ י ע ל ע איבערנאַטירליכע אָדער אויסערנאַטירליכע גייסטער, ווי שדים, רוחות, מלאכים, שד׳כעס און געטער.

דיעזע רעליגיאָנען פּאַסען אויף זייערע געטער אַלס עטוואָס אָבגעזאָנדערטעס פֿון קערפּער, אונאַבהענגיג פֿון גוף און אונ־אַבהענגיג פון אַלע נאַטירליכע זאַכען און ערשיינונגען, וועלכע זיינען געוועזן דער אורשפּרונג פֿון גלויבען און גייסטער, אין געטער און אין אַ גאָט. אין דערפֿאַר געהערען די אַלע צו דער שטופֿע פֿון׳ם מיפֿישען אַנימיזמוס.—

4.

פֿון אַלעס וואָס מיר האָבען ערקלערט אין די פֿריהע־ערדיגע קאַפּיטלען,איז דעם לעזער, דוכט זיך, קלאָהר, אַז דער רעליגיעזער געדאַנק איז קיין אַנדער זאַך, ווי דער אַנימיזמוס, ד. ה. דאָס פֿאָרשטעלען זיך, אַז אין אַלעס געפֿינט זיך לעבען עהנליך צום מענישען׳ס לעבען. מיר האָבען ביז יעצט ערקלערט דריי שטופֿען אין דער ענטוויקלונג פֿון רעלי־גיעזען געדאַנק, ד. ה. 3 פּעריאָדען פֿון אַניטיזמוס.

1.) דעם איינהייטליכען אַנימיזמוס אָדער פֿעטישיזמוס (געטצענדינעריי) דאָס איז די שטופֿע, ווען דער מענש האָט בעטראכט אַלעס, וואָס אַרום איהם, יעדע זאַך, וואָס עס האָט

זיך נור באַוועגט אפילו צופֿעליגערהייט, אַלס עטוואָס לעבעדיגעס, וואָס האָט אַ רצון און חושים אַזוי ווי ער, דער מענש. אויף דיעזער שטופֿע געפֿינען זיך נאָך יעצט די איינוואָהנער פֿון נײַ־האָלאַנד און די אוראַלטע איינגעבאָרענע פֿון זיד־אַפֿריקא.

2.) דער צווייהייטליכער אָדער גייסטיגער אַנימיזמוס (דואַליסטישער אָדער ספירימישער אַנימיזמוס), דאָס איז די שטופֿע, ווען דער מענש זעהט צווייליגגס איבעראַל; אין יעדער זאַך, אין יעדער ערשיינונג שטעלט זיך איהם פֿאָר אויסער דאָס, וואָס ער זעהט, נאָך עטוואָס, אַ גייסט, וועלכען ער זעהט ניט, אָבער, וואָס איהם דוכט זיך, אַז עס איז געוויס דאָ. דיעזע גייסטער שטעלען זיך איהם פֿאָר אַלס מענשענעהנליכע ברואים, און זיין קליינער שכל קען דעם גייסט ניט אָבטהיילען פֿון קערפּער, אין וועלכען ער זיצט. אַזוי דיינקען. נאָך יעצט די נעגערשטאַמען, וועלכע לעבען אין דרום זייט פֿון דעם טייך נינער און אין צענטראַל אפֿריקא און אויך די ווייניג ענטוויקעלטע פֿעלקער פֿון מאָנגאָלישען שטאַם אין אַזיען

3.) דער מיפֿישער אַנימיזמוס, דאָס איז די שטופֿע, ווען דער מענש בעטראַכט שוין דעם גייסט אַלס אונאַבהענגיג פֿון קערפּער, אין וועלכען דער גייסט געפֿינט זיך. אויף דיעזער שטופֿע שטעהען נאָך יעצט די ציוויליזירטע מאַסען פֿון אייראָפּא, פֿון אַמעריקא, פֿון די פֿאָדערשטע טהייל אַזיען און פֿון נאָרד אַפֿריקא.

נאָך דיעזע דריי שטופֿען אין דער ענטוויקלונג פֿון רעליגיעזע געדאַנקען קומט דער פּאַנטהעאיסטישער אַנימיזמוס (פּאַנטהעאיזמוס בעדייטעט אלגעטליכעס).

די גרינדער פֿון די פּאַנטהעאיסטישע רעליגיאָנען זיינען נאָך צוואַר ניט געקומען צו דער גרויסער אידעע פֿון דער לעצטער צייט, וועלכע געפֿינט איין, אַז אין יעדער זאַך, אין יעדער ערשיינונג פֿון דער וועלט איז איינער און דערזעלבער

שטאָף, איינע און דיעזעלבע אַטאמען (מהיילכעלאַך), וועלכע געפינען זיך אין שטענדיגע און אייביגע בעוועגונג, דורך דעם פּראָצעס פון צוציהונג און אָבשטויסונג, אָבער דאָך געפינען זיך די גרינדער פון פּאַנטהעאיזמוס (אַלגעמליכקייט) גאַנץ נאָהענט פון דיעזער אידעע. זיי זאָגען אַז דער גאַנצער וועלט־אַלל און אַלעס אין דער וועלט באַשטעהט פון איינעם און דעמזעלבען שטאָף, מיט וועלכען עס איז אונשיידבאַר פעראייניגט איינער און דערזעלבער גייסט. דיעזער פעראייניגטער־שטאָף און גייסט איז עוויג, אָהן אַ סוף, אָהן אַ שיעור, אָהן אַ ערך און וועקסעלט זיך קיין מאָהל ניט; ער ווערט געבאָרען נור פון זיך, אָדער בעסער געזאָגט, ער שפּריצט פון זיך אַרויס אויף קורצע צייטען אַלע באַזונדערע, איינצעלנע זאַכען, באַשעפּניסען און ערשיינונגען, וועלכע ער שלינגט דערנאָך וויעדער איין אין זיך, אין דאָס גאַנצע, גרויסע, אונענדליכע, עוויגע, אונאומבייטענדע (נירוואַנאַ)

דער פּאַנטהעאיזמוס שטעלט שוין ניט פאָר אין יעדער זאַך באַזונדער אַ ספּעציעלען גייסט, ווי עס איז אין דער שטופע פון'ם מיפּישען אַנימיזמוס. די פּאַנטהעאיסטישע רעליגיאָן שטעלט פאָר איין איינציגען, אונענדליכען גייסט, פאַרבונדען מיט דעם איינציגען שטאָף. דערמיט פערניכטעט ער די מיפּישע רעליגיאָנען, וועלכע שרייבען צו צו יעדער זאַך און צו יעדער ערשיינונג אַ ספּעציעלען גייסט, און יעדער באַזונדער גייסט האָט וועגען זיך זיינע לעגענדען. די פּאַנטהעאיסטישע רעליגיאָנען פאָדערן שוין ניט קיינע קרבנות פאַר געטער, וואָס האָבען ליעב צו פרעסען, קיינע גאָטעס דיענסט, קיין גן עדן, קיין גיהנום; עס זיינען שוין ניטאָ די אַלע קליינליכע געטער, עס איז ניטאָ קיין לעבען נאָכ'ן טויט. עס זיינען נור דאָ מדריגות פון וויעדערלעבען דאָ, אויף דער ערד. די צדיקים ווערען מגולגל פון איין מדריגה העכער אַרויף צו דער אַנדערער, ביז דער העכסטער מדריגה; די

רשעים, פֿאַרקעהרט, ווערען מגולגל פֿון איין מדריגה אַראָפּ ניעדריגער צו דער אַנדערער און אַזוי ביז דער ניעדריגסטער מדריגה. דער סוף פֿון די ביידע, פֿון די גוטע, וואָס ענטוויקלען זיך ממדריגה למדריגה העכער און העכער, אָדער פֿון די שלעכטע, וואָס רעגרעסירען ממדריגה למדריגה אַלץ ניעדריגער און ניעדריגער, איז איינער און דערזעלבער—זיי ווערען פֿאַרשלונגען פֿון דאָס גרויסע, גאַנצע, אונענדליכע, פֿון׳ם אין סוף, בלי ראשית ובלי אחרית, פֿון דאָס אַלגעטליכעס — נירוואַנאַ.

ווי מיר זעהען אַלזאָ, אַנערקענט דער פאַנטהעאיזמוס, אַז צוזאַמען מיט דער מאַטעריעלער וועלט איז אויך דאָ אַ גייסטיגע וועלט, וועלכע מען קען אפילו בשום אופן ניט אָבטהיילען פֿון דער מאַטעריעלער וועלט, זיי זיינען פֿעראייניגט, צוזאַמען געגאָסען—ניט קוקענדיג דאַרויף שטעהט דאָך דער פאַנטהעאיזמוס נעהענטער צו דער וויסענשאַפֿטליכער .וואַהרהייט, אַז פראָגרעס איז די ענטוויקלונג פֿון שטאָף.

סומאַנגולאַ, דער כהן גדול פֿון ציילאָן (אַ אינזעל אויף דעם אינדישען ים) וויל זאָגאַר בעווייזען, אַז די לעהרע פֿון דער בודיסטישער רעליגיאָן וועגען גלגולים איז דיעזעלבע זאַך, וואָס דאַרווין׳ס ענטוויקלונג׳ס טהעאָריע. ווען דאַרווין איז געשטאָרבען, האָט מען אויף דעם אינזעל ציילאָן געפֿייערט זיין איבערגאַנג אין נירוואַנאַ. (נירוואַנאַ הייסט ביי די בודיסטען דאָס וועלט-אַלל, אין דער אין סוף, די אַלגעטליכקייט, דאָס עוויגע, גרויסע, גאַנצע, אונענדליכע, פֿון וואָס אַלעס קומט אַרויס און אין וואָס אַלעס ווערט צוריק אויפֿגעלייזט אָדער פֿערשלונגען.)

געוויס איז אַזאַ געדאַנק פֿון בודיסטישען כהן גדול, צו פֿערגלייכען די דאַרווינישע טהעאָריע מיט בודאַה׳ס לעהרע וועגען גלגולים, זעהר לעבערליך; מען קען אָבער אין דיעזען געדאַנק מערקען אַן אָנשטרענגונג צומאַכען שלום צווישען די רעליגיעזע און וויסענשאַפֿליכע געדאַנקען; אַזאַ פֿערלאַנג

האָט מען יעדענפֿאַלס נאָך ניט געהערט פֿון די פֿאָרשטעהער פֿון אַנדערע רעליגיעזע סיסטעמען, און אין דיעזער הינזיכט קען מען זאָגען, שטעהט דער פאַנטהעאיזמוס, ווי מיר האָבען שוין פֿריהער ערקלערט, העכער פֿון אַלע אַנדערע רעליגיאָנען.

אַזוי אָבער, ווי דער פאַנטהעאיזמוס איז דאָך נור אַ ווייטערע שטופֿע אין דער ענטוויקלונג פֿון רעליגיעזען געדאַנק, האָט ער ניט געקענט בלייבען אין גאַנצען ריין, און האָט גע׳ירש׳נט פֿיעלעס פֿון די פֿריהערדיגע שטופֿען. עס זיינען נור די מעהר ענטוויקעלטע אינדוסען, וועלכע פֿערשטעהען ריין דעם פאַנטהעאיזמוס אָדער, אַנדערש געזאָגט, זיינען אמת׳ע פאַנטהעאיסטען; ווייטער אָבער, האָבען אין זיך די אַלע נאַכפֿאָלגער פֿון דיעזער רעליגיאָן אַזוי פֿיעל נאָך, וואָס איז פֿערבליבען פֿון פֿריהערדיגע שטופֿען, אַז זייער גלויבען אונטערשיידעט זיך כמעט ניט פֿון אַלע אַנדערע גלויבענס: כהנים, גלחים, בתי מקדשים, רעליגיעזע מנהגים א. ז. וו., דאָס זיינען די הויפּט־זאַכען פֿון׳ם גלויבען, און בעזאָנדערס שפּיעלט נאָך אין איהם די ראָלע דער משוגענער אַסקעטיזמוס (גזירות, פרישות), וואָס איז נאָך געבליעבען בירושה פֿון׳ם גלויבען אין שלעכטע און גוטע גייסטער, פֿאַר וועלכע מען האָט געוואָלט געפֿעלען זיין דערמיט, וואָס מען וועט זיך פּלאַגען און אָפּזאָגען זיך פֿון אַלעס, פֿון וואָס מען קען הנאה האָבען.

דיעזער אויסגעוועבטער און פערמישטער פאַנטהעאיזמוס איז פֿאַרברייטעט אין אינדיען און איז באַוואוסט אַלס דער בראַהמינישער גלויבען אָדער בראַהמיניזמוס. און אין כינא, יאַפּאַן און אינדא-כינא איז ער פֿאַרברייטעט אונטער דעם נאָמען בודיסטישער גלויבען אָדער בודיזמוס.

5.

איך האָב שוין געזאָגט אין פֿריהערדיגען קאַפּיטעל, אַז ווען דער בודיזמוס וואָלט געגאַנגען נאָך איין שריט ווייטער, וואָלט ער געקענט לייכט פֿאַרמישט ווערען מיט דער וויסענ־

שאַפּטליכער וואַהרה׳יט, וועלכע לעהרנט, אַז פּאָרשריט באַ־שטעהט אין ענטוויקלונג פון שטאָף—, דער בודיזמוס האָט אָבער דעם שריט ניט געמאַכט; ער האָט איהם ניט געקענט מאַכען, ווייל דער גרונד פון בודדיזמוס, ווי דער גרונד פון אַלע רעליגיאָנען, איז ניט געווען די שטרעבונג פריי צו פאָר־שען און אויסצוגעפינען די וואַהרהייט, זאָנדערן אין גרונד פון דיעזען גלויבען, ווי פון אַלע אַנדערע גלויבענס, איז גע־לעגען דער גראָבער פעהלער, וועלכען דער אונוויסענדער מענש האָט געמאַכט אין דעם, וואָס ער האָט צוגעשריבען דער נאַטור אַ מענשען עהנליכעס לעבען (אַנימיזמוס). אין קיין רעליגיאָן געפיגען מיר אָבער ניט דאָס, וואָס מיר געפינען אין דעם בודיזמוס. אַלע אַנדערע רעליגיאָנען זיינען נאָר אַ זאמלונג פון גייסטער געשיכטעס עהנליכע צו די רוחות, וועגען וועלכע דער מענש האָט פאַנטאַזירט אויף דער שטופע פון׳ם גייסטיגען אָדער ספיריטישען אַנימיזמוס, וועלכען איך האָב שוין, ווי דער לעזער געדענקט, גענוי ערקלעהרט.

מען קען זיך ניט גענוג אָפּוואונדערען, ווען מען זעהט, ווי פעסט אונטער די ציוויליזירטע פעלקער עס האַלט נאַך אָן די רעליגיאָן, און באַמערקענסווערטה איז נאָך דאָס וואָס די מאַסע פון פאָלק קימערט זיך וויינ׳ג וועגען די לעהרע, די מאָראַלישע זיטען-לעהרע פון דער רעליגיאָן; דאָס פאָלק ווייס נור פון דער רעליגיאָן אָדער פון רעליגיאָנען אַזוי פיעל, אויף וויפיעל איהם אינטערעסירען די פוסטע משה׳לאַך וועגען רוחות, וועגען שדים, וועגען גוטע און שלעכטע מלאכים, וועגען בראָטען אויף הייסע סקאַוואָדעס אָדער לעבען אַ גוטען טאָג אויף יענער וועלט, וועגען ניסים ונפלאות, וואָס גאָט האָט געטאָהן און וואָס ער קען טאָהן. דאָס איז פאַר׳ן המון די צו ציהונג׳ס-קראַפט אין די רעליגיאָנען. דער גלויבען אין עין הרע אָפּשפרעכען, אין רוחות, אין מלכי הבלה, אין מלכי מליצים און קמעות, אין מלך המות, אין נסים,

אין פֿערבלאָנדושעטע נשמות, דאָס איז וואָס דער המון ווייסט און בעגרייפֿט אונטער רעליגיאָן; און די רבנים, מגידים, גלחים, פריסטער, מולעס און די גאַנצע שוואַרצע חברה רעליגיאָנס־פריידיגער האַלטען אונטער און שטאַרקען דיזען גלויבען, זיי דערצעהלען דעם עולם אַזעלכע מעשות, זיי בעטען אויס רעגען, זיי פֿערטרייבען די שלעכטע רוחות, טהוען תפלה פֿאַר די טויטע זייערע נשמות זאָלען אויסגעלייטערט ווערען, א. ז. וו.

דאָס גרעסטע טהייל פֿון די קירכען בעזוכער, זיינען ענטוועדער דער המון, וועלכען מען ערציהט אין דיזען אבערגלויביַין אדער דאָס זיינען אַזעלכע, וועלכע האָבען האָלט צו הערען אַ ריהרענדע דרשה פֿון'ם מגיד אָדער דעם פריעסט, ווייל עס ווירקט אויפֿרעגענד אויף זייערע נערווען; זיי האָבען האָלט צו הערען ווי מען פֿייניגט, בראָט און ברענט די רשעים. זיי הערען עס מיט דעם זעלבען אינטערעס ווי זיי וואָלטען בעזוכען אַ פֿייט אָדער אַן עפֿעקטנע פיעסע אין טהעאַטער, וואו עס קומען פֿאָר גרויליכע סצענעס, אָדער ווי מען געהט אין אַ מוזעאום זעהן די מיטעלאַלטערליכע שרעקענס־בילדער.

עס זייגען נור מעהר ענטוויקעלטע מענשען, וועלכע האָבען מעהר אַכטונג צו דער דאָגמאַטישער זייטע פֿון רעליגיאָן, צו איהר זיטען־לעהרע, צו איהר מאָראַלע פֿאָרשריפֿטען און צאָהלען גאַנץ וויניג אַכטונג צו איהרע משה'לאַך וועגען ניסים אותות ומופתים פֿון גאָט אָדער פֿון זיינע פֿאָרשטעהער, וועגען אַ גיהנום מיט אַ גן עדן. מען קען שוין יעצט געפֿינען פֿיעלע רעפֿאָרמירטע קירכען, וואו מען דערצעהלט וויניג מעשות פֿון געטליכע וואונדער; מען רעדט מעהר וועגען גוטע מדות, מאָראַל, נעקסטען־ליעבע, א. ז. וו. — אָבער אויף דיזער שטופֿע הערט שוין אויף די רעליגיאָן צו זיין דאָס, וואָס זי איז געוועזן גאַנצע טויזענדע פֿון יאָהרען. איך רייד דאָ יעצט ניט וועגען די נוצליכקייט אָדער שעדליכקייט פֿון

דער רעליגיעזער מאָראַל, פֿון איהר זיטען־לעהרע, וועגען די גרינדע און אַנשויאונגען פֿון דער מאָראַל אויב עס איז אמת אָדער פֿאַלש; דאָס איז ניט מיין אויפֿגאַבע דאָ. איך קאָנסטאַטיר דאָ נור פֿאַקטען און רעכען אויס די פֿאַרשיעדענע שטופֿען פֿון רעליגיאָן.

דאָ געהען מיר שוין איבער צו אַן אַנדערע שטופֿע, צו וועלכער עס האָט זיך ענטוויקעלט דער רעליגיעזער געדאַנק. די שטופֿע ווערט בעצייכענט מיט דעם נאָמען מ ע ט א פֿ י ז י ש ע ר אַ נ י מ י ז מ ו ס.

די מעטאַפֿיזישע רעליגיאָן האָט שוין ניט קיין פערזענליכען גאָט, קיין גאָט אין אַ פֿאָרם און אַ געשטאַלט. דאָס איז די אמונה שלמה, אַז גאָט האָט ניט קיין גוף און קיין דמות הגוף. דער גאָט פֿון די מעטאַפֿיזיקער איז דער אַלוועלטליכע׳ פֿער־נונפֿט, וועלכער שטעהט אויסער דער וועלט, אויסער דער נאַטור און האָט קיין געשטאַלט. שוין אין דער שטופֿע פֿון׳ם מיפֿישען אַנימיזמוס זיינען די גייסטער געוועזען אָפּגעטהיילט פֿון גוף; אין דער מעטאַפֿיזישער שטופֿע איז שוין דער אַל־וועלטליכער גייסט גאַנץ ריין און אָפּגעזונדערט פֿון׳ם קערפּער און פֿון אַלעס קערפּערליכעס.

דאָס איז אייגענטליך דער שווערסטער גאָט, וועלכען עס איז זיך אונמעגליך פֿאָרצושטעלען, ווייל די פֿאָרשטעלונג פֿון דיעזען גאָט בעשטעהט דעראן, וואָס מען קען איהם זיך נ י ט פֿאָרשטעלען. דאָס איז דער גאָט, וועלכען מען קען וויסען נור דערפֿון, וואָס מען וויים, אַז מען וויים איהם ניט. פֿאַר אונז איז לייכט צו פֿאַרשטעהן דעם גאָט פֿון׳ם פּרימיטיווען מענשען—דער מענש האָט געזעהען גבורים, ־כוואַטסקע יונגען בעלי מלחמה; ער האָט זיי געאַכטעט, געשעצט און האָט פֿאַר זיי מורא געהאַט; איהם האָט זיך פֿאָרגעשטעלט א גאָט אין דער זעלבער פֿאָרם ווי דער גבור, ווי דער בעל מלחמה, נאָר נאָך גרעסער, שטאַרקער, מעכטיגער פֿון׳ם גבור -- אַ גבור

שבגבורים. ער פראַוועט מיט דער גאַנצער וועלט ווי אַן אטאמאַן מיט זיין חיל —, דאָס איז געווען אַ פֿאַנטאַזיע אָנגעטאָהן אין בלוט, פֿלייש אוןביינער.

ווי קען מען אָבער פֿאַרשטעהן דאָס, וואָס מען פֿאַרשטעהט ערשט דאַן, ווען מען פֿאַרשטעהט, אַז מען פֿאַרשטעהט עס ניט? ווי פֿאַרשטעהט מען אַן אלוועלטליכע פֿערנונפֿט, וועלכע געפֿינט זיך אויסער דער נאַטור, אַ פֿערנונפֿט אַליין, אָהן אַ קערפּער, אָהן אַ פֿאָרם אין וועלכער דער פֿערנונפֿט זאָל זיך ענטהאַלטען. ווי קען מען זיך, קורץ גערעט, פֿאָרשטעלען אַזאַ אַרט בעגריעף פֿון אַ געטליכען אידעאַל, ווי עס האָט זיך פֿאָרגעשטעלט רענאַן?

מיר פֿאַרשטעהן און קענען זיך פֿאָרשטעלען דעם גלויבען פֿון׳ם אונוויסענדען מענשען און גייסטער, וועלכע זיצען אין יעדער זאַך; ער קען דיעזע גייסטער ניט זעהען! זיי זיינען פֿון אַזאַ דיענעם, עדעלען שטאָף, קומט אויס נאָך זיין קליינעם שכל, אַז ער קען זיי ניט זעהען, אָבער דאָס איז אַ גייסט וואָס געהט, שטעהט, לויפֿט, פֿליהט; מיט איין וואָרט, אַ גייסט, וואָס האָט אַ פֿאָרם. ווי פֿאַרשטעהט מען אָבער אַ נשמה, גייסט אָדער קראַפֿט, וועלכע די מעטאַפֿיזיקער בע־שטימען, אַז דאָס איז בלויז אַ קראַפֿט אהן אַ פֿאָרם, וועלכע פֿיהלט, בעגרייפֿט זיך אַליין און איז טהעטיג? אָדער, ווי אַנדערע פֿאָרמולירען עס, אַ אונוועזענטליכעס וועזען, וועלכעס דינט פֿאַר זיך אַליין אַלס אַ געגענשטאַנד צום בעגרייפֿען? דאָס איז אַלץ איינס ווי מען זאָל זאָגען למשל: אַ ניט וואַסער־דיגע וואַסער, וואָס פֿיהלט אַ טעם אין זיך אַליין און מיר קענען האָבען אַ געשמאַק דעריין, ווען מיר האָבען דעריין קיין געשמאַק ניט. דאָס איז אַ ס אָ פֿ י ז מ ו ס, אַ גערדאַנקען שפּיעל, וועלכער איז דאַגעגען דעם געזונדען מענשליכען פֿאַרשטאַנד. עס איז מיט איין וואָרט, אַן אַבסורד.

דיעזער אַבסורד, דיעזער מעטאַפֿיזישער גלויבען אין אַ

גאָט, וועלכער איז אויסער דער נאַטור אָדער איבער דער נאַטור, האָט פֿון דעסטוועגען אויך געקענט מאַכען זיינע נאָכפֿאָלגער פֿאַר אַזעלכע פֿאַנאַטיקער, אַז זיי האָבען אויך געפּריידיגט צו פֿאַרפֿאָלגען די אטהעאיסטען, די אונגלויביגע. אַזאַ איינער איז דזשערע, וועלכער העצט געגען די אַטהעאיסטען אַלס געגען פֿיינד פֿון די ערוואָרבענע רעכטע פֿון געזעץ און שטאַאַט. ער פֿאַרשטעהט וואַהרשיינליך, אַז אַ מענש וואָס קען אַ וואַגען אָפּצולייקענען די הימלישע אויטאָריטעט, קען אויך האָבען דעם מוטה אָפּצולייקענען די אירדישע אויטאָריטעט. דערפֿאַר וואַהרשיינליך פּריידיגען אויך די מעטאַפּיזיקער, אַז מען דאַרף פֿערפֿאָלגען די אַטהעאיסטען.

עס איז אָבער קיין צווייפֿעל ניט, אַז דאָס זיינען די לעצטע פֿאַנאַטישע גלויבענדע אין דער געבילדעטער טהייל פֿון דער געזעלשאַפֿט. די לעצטע אויספֿיהרונגען פֿון דער וויסענשאַפֿט ציינען אונז, אַז דער שטאָף איז אייביג און קען ניט פֿערניכטעט ווערען. אַז דער שטאָף פֿון יעדער זאַך אין דער נאַטור, ווי פֿון דער אָרגאַנישער אַזוי אויך פֿון דער אונאָרגאַנישער וועלט, בעשטעהט פֿון איינס און דאָסזעלבע און האָט איינע און דיזעלבע אייגענשאַפֿטען. דאָס איז דער שטאָף, פֿון וועלכען יעדע זאַך ענטוויקעלט זיך און אין וואָס יעדע זאַך ווערט צוריק פֿערוואַנדעלט. געדאַנקען, ווילען, בעוואוסטזיין, שכל, דאָס איז ניט, ווי מען האָט פֿריהער געדיינקט, עטוואָס איבער נאַטירליכעס. זאָנדערן דאָס זיינען די פֿונקציאָנען, דאָס איז די טהעטיגקייט פֿון די נערוונע צעלען (קאַמערלעך), וועלכע האָבען זיך אויסגעאַרבייט און פֿערפֿאָלקאָמט.

דיעזע וויסענשאַפֿטליכע וואַהרהייטען, ווען די מענשען וועלען זיי איין מאָהל אַנערקענען, לאָזען שוין ניט קיין פּלאַץ פֿאַר׳ן אַנימיזמוס, אפילו פֿאַר דעם אַדעלסטען, ווי דער מעטאַפֿיזישער אַנימיזמוס. דער מעטאַפֿיזישער אַנימיזמוס איז, ווי

דער לעזער זעהט, נור א וויטערע שטופע פון'ם פאנטהעאיס־טישען, וועלכען איך האב פריהער ערקלערט. דער פאנטהעאיזמוס לערנט, אז דער אלוועלטליכער שטאף מיט דעם אלוועלטליכען גייסט זיינען פעראייניגט. די מעטאפיזיקער האבען שוין אב־געטהיילט דעם אלטוועלטליכען גייסט פון דער נאטור און האבען איהם אוועגעשטעלט העכער, איבער דער נאטור.

מען קען זיכער זיין, דאס דער וויסענשאפטליכער געדאנק וועט זיך ענטוויקלען וואס וויטער אלץ אין ברייטערע קרייזען, און וואס וויטער ער וועט זיך פערברייטען, וועט ער אלץ מעהר פערניכטען דעם רעליגיעזען געדאנק, וועלכער איז נור א פרוכט פון די גראבע פעהלערן, וואס דער פרימיטיווער מענש האט געמאכט דערפאר, ווייל ער האט ניט בעגריפען די נאטור.

6.

מיר האבען דורכגעפאלגט דעם רעליגיעזען געדאנק אין אלע פאזען פון זיין ענטוויקלונג און מיר קומען צום שלוס, אז די רעליגיאן איז געווען א פעהלער, אן אונפערמיידליכער. זי האט זיך געוויזען אומעטום, ביי אלע אומות און איז אומע־טום דורכגעגאנגען איהר וועג. ווען מיר מאכען א רעכנונג פון אלעם, וואס די רעליגיאן האט געבראכט דער מענשהייט, שטעלט זיך ביי אונז די פראגע: צו האט זי ניט געבראכט מעהר שאדען אלס נוצען?

דער פעטישיסטישער און ספיריטישער אנימיזמוס האט געפאדערט מענשליכע קרבנות פאר די בייזע געטער און רוחות, האט ארויפגעיאגט אן אימה אויף דעם פרימיטיווען מענשען און האט פערגאסען גאנצע טייכען מענשליכע בלוט. ער האט אבער ניט געהאט קיינע פרעטענזיעס אויף א מאראלע אויס־בעסערונג פון דער געזעלשאפט. דער מיפישער און פאנטהע־איסטישער אנימיזמוס האט זיך שוין ביסלאכוויז אפגעזאגט פון די בלוטדורשטיגע מצוות און מנהגים, וועלכע האבען זיך

פראַקטיצירט אין די פֿריהערדיגע פעריאָדען, ער האָט אָבער געהאַט פּרעטענזיעס אויף מאָראַלע אויסבעסערונגען און האָט זיין מוסר און ויטענלעהרע געשטעמפעלט מיט גאָטעס־חתימה—גאָט אַליין האָט אַזוי געהייסען.

מען קען ניט אָבלייקענען דעם פֿאַקט, אז דערמיט, וואָס די רעליגיאָן האָט פֿערבאָטען און בעצייכענט אַלס עבירות, אַלס חלול השם, די טהאַטען, וועלכע זיינען געווען שעדליך פֿאַר דער געזעלשאַפֿט, האָט זי געבראַכט גרויסע נוצען דער מענשהייט; און דערזעלבער צייט האָט זי אָבער מיט דער־זעלבער שטרענגקייט פֿערבאָטען אַזעלכע טהאַטען, איינפֿאַכע, וועלכע זיינען געווען נור געגען די רעגעלן פֿון דער רעליגיאָן.

חלול שבת נאָך משה׳ס תורה, אָדער טועם זיין אַ טראָפּען וויין אָדער שנאַפּס נאָך דעם מאָהאַמעדאַנישען קאָראַן זיינען די האַרבסטע עבירות, ערגער פֿון אירגענד וועלכען פֿערברעכען געגען אַ מיטמענשען אָדער געגען דער געזעלשאַפֿט. אויסער דעם האָבען די רעליגיאָנען געזוכט איבערצושטייגען איינע די אַנדערע אין פּרעדיגען דעם אַסקעטיזמוס,—נזירות ופּרישות, אָבזאגען זיך פֿון תענוגים, פֿון הנאה האָבען אין דער וועלט, אונטערטהעניגקייט, מקבל באהבה זיין יסורים, אונטערשטעלען די רעכטע באַק, ווען דער שונא וויל פּאַטשען אין דער לינקער, און עהנליכע ענוה און הכנעה—דאָס אַלעס האָט שטאַרק געווירקט אָפּצושוואַכען אין דעם מענשען די פּערזענליכע ענערגיע און דעם געפֿיהל פֿון געזעלשאַפֿטליכקייט. דאַצו האָט דער גלויבען, געשטיצט פֿון דער קעניגליכער געוואַלט, אימער געשטערט דעם פֿאָרטשריט פֿון דער וויסענשאַפֿט. און וואָס זאָל מען שוין רעדען וועגען רעליגיעזע מלחמות, וועגען פֿער־פֿאָלגען פֿון אונגלויביגע א. ז. וו....

אָבער, די רעליגיאָן, זאָגט מען אונז, ברענגט טרויסט און האָפֿנונג פֿאַר די אָרעמע קלאַסען; זי פֿערשפּרעכט זיי בעלאָהנונג אויף יענער וועלט פֿאַר זייערע ליידען אויף דער

וועלט. זעהר שעהן, חכמים! זאָרגט אַקאָרשט בעסער, אַז די געזעלשאַפט זאָל זיין נעבויט אויף אנדערע פּרינציפּען, יעדער מענש זאָל קענען בעקוועם לעבען און דאַן וועט ער ניט דאַרפען אייער רעליגיעזען שלאָפטרונק—ער וועט האָבען גענוס און פערגניגען דאָ, אויף דער וועלט. דאַצו דאַרף מען ניט פערגעסען, אַז די רעליגיאָן האָט צוזאַמען מיט'ן עליזעאום געגעבען אויך אַ טאַרטאַרוס, צוזאַמען מיט'ן גן עדן אויך אַ גיהנום. וואָס אנבעלאַנגט דעם בודיזמוס, זאָ זעהען מיר אין איהם בלויז אַ פאַרזוך אין גאַנצען אויסצומיידען אַ לעבען נאָך'ן טויט. — מיר זעהען אַלזאָ, אַז די רעליגיאָן האָט געבראַכט מעהר שאָדען אַלס נוצען.

עס שטעלט זיך יעצט די פראַגע, צו וועט די פערניכטונג פון רעליגיעזע סיסטעמען ניט רויבען ביי מענשען די מעגליכקייט אין אַלגעמיין צו שטרעבען צו אַן אידעאַל? צו מורא האָבען דערפאַר הייסט ניט צו וויסען און ניט צו פערשטעהן דעם מענשענס נאַטור. דער שטרעבען צו אַן אידעאַל ליגט אין דער נאַטור פון מענשליכען נייסט. אויף וועלכער שטופע דער ענטוויקלונג דער מענש זאָל ניט שטעהן, וועט ער אימער שטרעבען צו העכערעס, בעסערעס און שענערעס. איז עס דען נויטווענדיג, אַז דעם מענשענס אידעאַל זאָל זיין אַ פוסטע פאַנטאַזיע? גראַדע פערקעהרט, דער מענש דאַרף האָבען אַ ראַיעלען, אַ פערנינפטיגען אידעאל, אַ אידעאַל, וועלכער זאָל קענען פערווירקליכט ווערען אין לעבען. די רעליגיעזע אידעאַלען שטאַרבען טאַקי דערפאַר אויס, ווייל מענשען האָבען אָנגעפאַנגען צווייפלען אין דער ווירקליכקייט פון דיעזע אידעאַלען; די מענשען פיהלען יעצט אַ שטרעבען צו אַן אידעאַל, וועלכער זאָל קענען אין לעבען רעאליזירט און דורכגעפיהרט ווערען.

דער אידעאַל פון מענשען אין דער צוקונפט וועט ניט זיין אַזאַ איינפאַכער, אזאַ איינאַרטיגער און געצוואונגענער, ווי דער רעליגיעזער אידעאַל איז געווען,—ניין, יעדער איינצעלנער

וועט האָבען זיין אידעאַל, נאָך זיין געשמאַק און נאָך זיינע נייגונגען און וועט שטרעבען נאָך זיינע קרעפֿטען נאָך צו פֿערווירקליכען איהם.

פֿיעלע וועגען זיינען יעצט אָפֿען פֿאר מענשליכע בעשטרע־בונגען, ווי אין קונסט, אין וויסענשאַפֿט אַזוי אויך אין די לייזונג פֿון געזעלשאַפֿטליכע פֿראַגען; דאָס זיינען אָבער ניט אידעאַלען אויפֿ'ן הימעל, זאָנדערן דאָ, ביי אונז אויף דער ערד קענען זיי עררייכט ווערען. דיעזע אידעאַלען זיינען גרויס, ערהאַבען, טיעף און ברייט, אָהן אַ שיעור און אָהן אַ גרענעץ.

די קונסט איז אונענדליך, ווען זי איז בעלעבט פֿון אַ אידעע. עבען אַזוי איז די וויסענשאַפֿט; דער אידעאַל פֿון דעם וויסענשאַפֿטס־מאַן האָט קיין גרענעץ ניט — אימער מעהר פֿאָרשען, אַלץ טיעפֿער דענקען, אימער מעהר אויסגעפֿינען — שטרעבט דער וויסענשאַפֿטס־מאַן. אָבער ניט אַלע מענשען, וועט מען אונז זאָגען, זיינען אַזוי געבויט און געניינט אָבצוגע־בען זיך מיט וויסענשאַפֿטליכע פֿאָרשונגען. יא, עס קען זיך זיין וואהר. עס איז אָבער אויך דאָ אַן אַנדער אידעאַל, וועלכער איז צוגענגליך פֿאַר אַלעמען און איז יעדען מענשען טהייער— דאָס איז דער געזעלשאַפֿטליכער אידעאַל, וועלכער וועט אַזוי לאַנג עקזיסטירען, ווי לאַנג עס וועלען ניט פֿערניכטעט ווערען אַרמוטה, עלענד, ליידען און אונגערעכטיגקייט אונטער די מענשען. און אום דאָס צו פֿערניכטען, דאָס אויסצוראָטען, פֿאָדערט געניג שכל, ענערגיע, העלדענמוטה, וויסען, טאַפּפֿער־קייט און ליעבע, הייסע ליעבע צו די אונטערדריקטע און ליידענדע. אָה, וואָס פֿאַר אַ רייכע אידעע דאָ ליגט! וואָס פֿאַר אַ ברייטער פֿעלד דאָ איז פֿאַר מענשען, וואָס שטרעבען צו אַן ערהאַבענעם אידעאַל!

און איהר — איהר, די יעניגע, וואָס פֿיהלען אין זיך די ליידענשאַפֿט צו אויפֿאָפּפֿערונג; איהר, אין וועלכע עס געפֿינט זיך אַזוי פֿיעל הייסע ליעבע צו העכערעס און בעסערעס, דאָס

איהר זייט פֿעהיג מוסר נפש צו זיין זיך פֿאַר אייער אידעאַל — ניין! ניט אין הימעל, ניט אין דער רעליגיאָן קענט איהר געפֿינען דעם ציעל, ואָנדערן דאָ, דאָ, אויף אונזער ערד וועט איהר איהם געפֿינען. דאָס איז ניט דער פֿרוכטלאָזער קראַנץ אין דעם וואָהלזיין, אין דער בעפֿרייאונג פֿון אייערע ליידענדע ברידער און שוועסטער. דאָס איז דער שווערער וועג פֿון׳ם רעפֿאָרמאַטאָר, פֿון׳ם פּיאָניער, וועלכער אָפּפֿערט זיך פֿאַר דער הייליגער זאַכע, פֿאַר אַלגעמיינעם מענשען־גליק.

מיר זיינען, אַלזאָ, זיכער, אַז די פֿערניכטונג פֿון רעליגיאָן וועט ניט ברענגען מיט זיך די אָבשטאַרבונג פֿון מענשליכען שטרעבען צו אַן אידעאַל; גראַדע פֿאַרקעהרט. — עס וועט פֿערשטאַרקערן, אָפּלעבען, בעגייסטערן און טרייבען די מענשען צום וויימערן שטרעבען, און דיזער שטרעבען וועט האָבען פֿאַר זיין ענדע־ציעל די וואַהרהייט, די וואַהרהייט!

# א מאנאלאג פֿון די פֿרייהייט.

„זעהט איהר די שטערען,
„וואָס ברענען זאָ גערען—
„אָט די, וועלכע ווערען
„אין הימעל געשטעלט?
„דאָרט אין די רייהען,
„וואו ס׳הערט זיך קיין וועהען;
„קיין יאָמער געשרייען,—
„אָט דאָרט איז מיין וועלט".

* * *

„הערט איהר, געדריקטע,
„געפּלאָגטע, געשטיקטע,
„אין עלענד פֿערוויגטע,
„אין שמערץ און אין פּיין!
„ווילט איהר געניסען,
„אַ לעבען אַ זיסען,
„קיין טרערען זאָל פֿליסען,—
„טאָ הערט־זשע זיך איין:

„באַקעמפּפט מיט דער וואַרהייט,
„מיט שכל, מיט קלאַרהייט,
„די שלעכטסקייט, די נאַרהייט,
„די קייט—רעליגיאָן!
„די דומהייט, די געטער
„פֿאָן זעעלען די „רעטער"
„די פּרומע „פֿערטרערער",
„פֿון הימלישען „טהראָן"!

* * *

„אָט דיזע רבנים,
„שמשים, דיינים,
„און דוכט זיך „רחמנים"
„מיט „עדעלען" מוטה—
„אָט די ווינען פּרעסער,
„אומזיסטינע עסער,
„וואָס בויען אויף שלעסער;
„פֿון טרערען און בלוט!

* * *

„אָט די „שטילע טויבען"
„פֿון אייך די, וואָס רויבען
„אין נאמען פֿון גלויבען
„דעם גייסט און דעם „איך!"
„אָט די אַלע שינדער,
„די געטליבע זינדער,—
„זיי, יעדען באַזונדער
„פֿערשליידערט פֿון זיך!

* * *

„פֿעראייניגט, וויברידער,
„די הערצער, דיא גליעדער;
„און שטעלט זיך אַנידער,
„ווי העלדען א מאַכט!
„פֿערניכטעט די בייטען;
„פֿון אַרמוטה און נויטהען;
„אין געגען די קייטען,
„געהט, שטעלט זיך אין שלאַכט!

* * *

„קיין געטער, קיין טהראנען,
„קיין שווערדען, קאַנאָנען—
„די קערקערס מיליאָנען
„פֿערוויסטעט, צוברעכט!
„קיין הערשער, קיין „מיינע"
„קיין „יענעמס" קיין „דיינע"
„קיין „פריצים׳לאך" פֿיינע
„קיין הערן, קיין קנעכט!

* * *

„נור דאַן, איהר געדריקטע,
„געפּלאַגטע, געשטיקטע,
„קענט ווערען בעגליקטע
„אויף אירדישען רייך!
„און דאַן וועל איך, פֿרייהייט,
„אין צייטען דער נייהייט—
„מיט ליעבע און טרייהייט,
„אויך קומען צו אייך!"

י. ש. פרענאוויץ.

# אין פערלאג פון דער גרופע „פרייהייט"

## זיינען פאלגענדע בראשורען צו בעקומען:

| | | |
|---|---|---|
| דער שטאאט . . . . . | פון פ. קראפאטקין | פרייז 4 פענס. |
| דער ליגען פון רעליגיאן . | „ דר. מאקס נארדוי | „ 2 פענס הייפעני. |
| דער ליגען פון דער התונה | „ „ „ | „ 2 פענס הייפעני. |
| דער מענש . . . . . | „ סעבאסטיאן פאר | „ 2 פענס הייפעני. |
| דער אנארכיזמוס . . . | „ סטיינלע | „ 2 פענס הייפעני. |
| די רעליגיעזע מגפה . . | „ יאהאן מאסט | „ 1 פעני. |
| די טעות'ן פון משה רבינו | „ ר. אינגערסאל | „ 6 פענס. |
| פארברעכען געגען פארברעכער | „ „ „ | „ 3 הייפענס. |

ענטשטעהונג און ענטוויקלונג פון רעלוגיעזע געדאנקען פון לעטורנא 3 הייפענס

אלע בעשטעלונגען און געלדער צו אדרעסירען אן:

ל. באראן, 9 פעלהאם סטר., בריק ליין, לאנדאן איסט.

---

# אויפמערקזאם!

## באלד וועט ערשיינען:

## דאס

# מאדערנע רעכט

## פון סעבאסטיאן פאר.